# כולכם – לאחדים כאחד

אין דעם שבת וואָס פאַר ראש השנה[1] לייענט מען אַלעמאָל די פרשה וואָס הויבט זיך אָן מיטן פסוק[2]: **"אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם"** – איר שטייט אַלע צוזאַמען פאַר ג-ט אייער ג-ט.

טייטשט דער אַלטער רבי[3], אַז דער וואָרט "כולכם" קומט לערנען, אַז אַלע אידן שטייען פאַר דעם אויבערשטן **"לאחדים כאחד"**, פאַראייניקט צוזאַמען ווי **איינס**.

און דאָס איז די אָפענע אָנווייזונג פאַר יעדערן, סיי אינגעלעך און סיי מיידעלעך, אַז מ'דאַרף וויסן, אַז מ'דאַרף שטיין אַלע צוזאַמען, מיט אהבת ישראל **"ואהבת לרעך כמוך . . . זה כלל גדול בתורה"**[4], ביז צו זיין פאַראייניקט ווי איינער.

> אַלע אידן שטייען פאַר דעם אויבערשטן "לאחדים כאחד", פאַראייניקט צוזאַמען ווי איינס

ווי אַזוי פאַראייניקן זיך אַלע אידן צוזאַמען? איז דאָס דערפאַר וואָס מען שטייט **"לפני ה' אלקיכם"**, פאַר דעם אויבערשטן. יעדער אידיש קינד פון "צבאות השם" שטייט פאַר דעם "קאָמענדער-אין-טשיף", **"ה' אלקי הצבאות"**[5].

מה-דאָך ווען אַ "סאָלדזשער" וואָס געפינט זיך אויפן פראָנט לעבן דעם הויפט אָנפירער, דעם "קאָמענדער-אין-טשיף", פירט ער זיך אויף ווי געהעריק, און נאָך מער: מען פילט זיך גליקלעך אַז מען האָט די מעגלעכקייט צו שטיין "לפני" דעם הויפט אָנפירער, איז דאָך אַוודאי אַזוי ווען עס רעדט זיך וועגן דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, אַז בשעת מען איז דורכגענומען מיטן געדאַנק אַז מ'געפינט זיך און מ'שטייט **"לפני ה' אלקיכם"**, רופט דאָס אַרויס אַז מ'שטייט "כולכם" – אַלע

פאַראייניציקט, צו פאָלגן דעם אויבערשטן, און מיט אַ גאָר גרויסער שמחה, "**ישמח ישראל בעושיו**"[6].

ווייטער שטייט אין פסוק[7], אַז די מטרה פון צוזאַמענקלייבן אידן און זיך אַוועקשטעלן "לפני ה' אלקיכם", איז כדי אַז דערנאָך זאָל זיין "**לעברך בברית ה'**": מ'מאַכט אַן אייביקן בונד מיטן "קאָמענדער-אין-טשיף".

און די אָפּלערנונג דערפון פאַר אידישע קינדער:

**בשעת מ'גייט אַריין אין "צבאות השם", איז דאָס אויפן גאַנצן לעבן, צו ערפילן אַלע אָנווייזונגען פון דעם אויבערשטן**

בשעת מ'גייט אַריין אין "צבאות השם", איז דאָס אויפן **גאַנצן לעבן**, צו ערפילן אַלע אָנווייזונגען פון דעם "קאָמענדער-אין-טשיף", פון דעם אויבערשטן, בפרט אין לערנען תורה און מקיים זיין מצוות.

און טאָן דאָס אַלץ מיט אַ שמחה גדולה, דורך אַריינטראַכטן זיך אין דעם גרויסן גליק וואָס מ'האָט צו שטיין לעבן דעם אויבערשטן וואָס האָט אים באַשאַפן; און זיך פאָרשטעלן ווי דער אויבערשטער איז צופרידן, פריילעך און גליקלעך, וואָס ער האָט אַזוינע "סאָלדזשערס" אין זיין צבא – אין "צבאות השם" ("**ישמח ה' במעשיו**"[8]).

און בשעת אידן באַנייען און פאַרשטאַרקן דעם פאַרבונד מיטן אויבערשטן, אַז דער בונד זאָל זיין נאָך שטאַרקער, נאָך פריילעכער און נאָך לעבעדיקער,

ווערט דאָס די פאַסנדע צוגרייטונג צו ראש השנה, ווען מען נעמט אויף דעם אויבערשטן אַלס "מלך" – מען קרוינט דעם

אויבערשטן אַלס "**מלך ישראל וגואלו**"[9] און אַלס "מלך" אויף דער גאַנצער וועלט,

און פון "מלך ישראל" ווערט "**וגואלו**" – ער לייזט אויס דעם גאַנצן אידישן פאָלק אין דער אמת'ער גאולה, דורך משיח צדקנו.

(כ"ו אלול תשמ"ב)

1) רמב"ם הלכות תפלה פרק יג הלכה ב. וראה לעיל עמוד 176. 2) נצבים כט, ט. 3) לקוטי תורה נצבים מד, א. 4) קדושים יט, יח. תורת כהנים ופרש"י עה"פ - מה"י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל". 5) הושע יב, ו. עמוס ג, יג. שם ו, יד. וראה לעיל כרך א' עמוד 8. 6) תהלים קמט, ב. תניא פל"ג (מב, סע"ב) - מה"י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל". 7) שם, יא. 8) תהלים קד, לא. 9) ישעי' מד, ו. תפלת מוסף דראש השנה.